# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת וישב תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 409

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


# פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## שטעפענען א צווייטן האלט אפ די תפילות זאל אנגענומען ווערן

"וַיֹּאמֶר יְהוּדָה אֶל אֶחָיו מַה בֶּצַע כִּי נַהֲרֹג אֶת אָחִינוּ וְכִסִּינוּ אֶת דָּמוֹ" (לז כו)

**רבנו אפרים** ערקלערט, יהודה האט געזאגט פאר זיינע ברודער: "מַה בֶּצַ"ע" - וואספארא ווערד וועט האבן אונזערע תפילות וואס מיר דאווענען יעדן טאג: 'בוקר, צהרים, און ערב' [וואס זייער ר"ת איז 'בצע'], "כִּי נַהֲרֹג אֶת אָחִינוּ"? די זינד פון רציחה וועט דאך אפהאלטן די תפילות זיי זאלן נישט אנגענומען ווערן, אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו א טו): "גַּם כִּי תַרְבּוּ תְפִלָּה אֵינֶנִּי שֹׁמֵעַ יְדֵיכֶם דָּמִים מָלֵאוּ".

דער מקובל **רבי יצחק חיות** אב"ד סקאליא בעל 'זרע יצחק' לייגט צו און טייטש דעם המשך אין פסוק: אין זיינע ווערטער "וְכִסִּינוּ אֶת דָּמוֹ" האט יהודה געוואלט דערשרעקן זיינע ברודער, אויב זיי וועלן הרג'ענען יוסף'ן וועלן זיי פארלירן דעם כח התפילה אויף אייביג. ווייל די כפרה פון א רוצח איז אנגעהאנגען אין דעם וואס ער וועט גייט פון איין פלאץ צום צווייטן און דערציילן פאר אלעמען 'איך בין דער רוצח' ('אורחות צדיקים' שער התשובה), און וויבאלד זיי ווילן באהאלטן און פארדעקן זייער זינד, וועלן זיי עס קיינמאל נישט טון, קומט אויס אז די זינד פון רציחה וועט אפהאלטן זייערע תפילות פון אנגענומען ווערן.

פירוש רבנו אפרים על התורה; 'שפתי צדיקים'

***

איינער וואס איז געווען א 'מלוה בריבית' און איז אויך דערגאנגען די לעבן פון די וואס האבן געבארגט פון אים, איז אריין אין שול פון **האדמו"ר רבי יחיאל מאיר מגאסטינין** און האט אנגעהויבן דאווענען מיט התלהבות אזוי ווי די איינער פון די גרויסע חסידים. ווען אין ענדע דאווענען האט ער זיך געשטעלט באקומען א ברכה פון רבי'ן, האט אים דער רבי געזאגט שטראף-רייד: דער פסוק זאגט דאך: "מַה בֶּצַע כִּי נַהֲרֹג אֶת אָחִינוּ"; "מַה בֶּצַ"ע" - וואספארא נוצן ווערסטו האבן פון דאווענען מיט התלהבות, בוקר, צהרים און ערב, "כִּי נַהֲרֹג אֶת אָחִינוּ", אין די צייט וואס דו ביזסט פארנומען מיט 'הרג'ענען' דיינע ברודער...

'חסידים מספרים' ח"ג עמ' 186

## דריי פעולות וואס זענען אנגעהאנגען אין תפילה

"וַיְמָאֵן וַיֹּאמֶר אֶל אֵשֶׁת אֲדֹנָיו..." (לט ח)

פיר מאל אין די תורה טרעפן מיר די טראפ 'שלשלת':

א. ביי די ווארט "וַיִּתְמַהְמָהּ" וואס שטייט ביי די מעשה פון ראטעווען לוט און זיינע טעכטער (בראשית יט טז); ב. ביי די ווארט "וַיֹּאמַר" וואס מיט דעם האט אליעזר עבד אברהם אנגעהויבן זיינע רייד (שם כד יב); ג. בי די ווארט "וַיְמָאֵן" אין אונזער פרשה; ד. ביי די ווארט "וַיִּשְׁחָט" וואס שטייט ביי די קרבנות פון די מילואים (ויקרא ח כג).

דער **'בית אברהם' מסלאנים** ערקלערט אז די פיר ווערטער זענען מרמז אויף די וועג וויאזוי דער מענטש קען מכניע זיין דעם יצר הרע וואס פלאמט אויף די פייער פון תאוות:

אין אנהויב דארף ער זיך **להתמהמה** ד.מ. זיך פארזוימען און אפשטיפן די איינרעדענישן פונעם יצר הרע אויף שפעטער, און ווען די פייער פון די תאוות וועט זיך אפשטילן אין זיין הארץ, דעמאלטס **ימאן** ד.מ. זאל ער מיט זיין גאנצן כח נישט וועלן צוהערן דעם יצר, ביז אין ענדע וועט ער אנקומען צו די דרגה פון **שחט'ן** דעם יצר. אבער מיר דארפן וויסן אז כדי צו קענען מצליח זיין אין דעם, דארף דער מענטש מקיים זיין דעם "**ויאמר**" - ד.מ. תפילה, ווייל אן תפילה קען מען נישט מצליח זיין אין גארנישט.

'באר החיים' פורים עמ' מג

# פתחו שערים

## די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### 'אמן יענו אחריך הכל מהרה'

דער אויבישטער האט מיך מזכה געווען צו זיין פון די שטוב מענטשן פון מרן ראש הישיבה הגאון הגדול רבי אהרן יהודה לייב שטיינמאן זי"ע, וואס דעם קומענדיגן זונטאג וועט אויספאלן זיין פערטע יארצייט.

אלס איינער וואס האט זוכה געווען אים צו קענען פון נאנט, איבערהויפט אין באציאונג פון דער ענין וואס אויף דעם האב איך מקדיש געווען מיין לעבן אין די לעצטערע יארן, האב איך זוכה געווען צו דערקענען און זען מיט מיינע אויגן די באזונדערע ליבשאפט וואס מרן זי"ע האט ארויסגעוויזן איבער אלעס וואס איז פארבינדן מיט די מצוה פון ענטפערן אמן, ווי עס איז באקאנט פאר יעדן וואס האט זוכה געווען צו זיין נאנט צו אים.

די וואונדערליכע און רירנדע מעמד וואס פלעגט פארקומען יעדן טאג אין זיין הויז וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן פון אונז. א קורצע צייט נאך די עלות השחר, פארן אנהויבן דאווענען שחרית אין די צייט פון וותיקין פלעגט זיך מרן זצ"ל שטעלן זאגן ברכות השחר פארן ציבור. די ברכות זענען געזאגט געווארן דורך אים ווארט ביי ווארט, כמונה מעות, ווען אלע פארזאמלטע ענטפערן אמן. נאכדעם פלעגט ער בלייבן אויף זיין פלאץ און זיך צוהערן צו די ברכות פון די פארזאמלטע און ענטפערן נאך זיי אמן.

אויסער דעם פלעגט מרן אויך מעורר זיין זיינע צוהערער איבער די מעלה און חשיבות פון ענטפערן אמן, און איך האב אויך זוכה געווען אז ער האט גערעדט ברבים איבער דער ענין אין עטליכע פארזאמלונגען פון 'בני אמונים' וואו ער האט זיך באטייליגט.

איך געדענק אז איינמאל ביי א צוזאמקום וואו ער האט זיך באטייליגט, ווען איך האב אים געבעטן רעדן פאר די פארזאמלטע און מעורר זיין אויף די חשיבות פון ענטפערן אמן, האט ער מיר געזאגט מיט וואונדער, ווען א שמייכל איז אויסגעשפרייט אויף זיין פנים: "אויב חז"ל שרייבן אזעלעכע געהויבענע זאכן אויף די מעלה פון ענטפערן אמן, וואס איז דא צו צולייגן אויף דעם?!"

און מיר דארפן זיך אפלערנען א קל וחומר, אויב אזא גרויסער מענטש וואס זיינע מינוטן זענען געווען געציילט און געמאסטן און געווידמעט נאר אויף תורה, עבודה און גמילות חסדים, האט פארשטאנען אז ער דארף נאכלויפן נאך יעדע אמן, און אויך זיך פעדערן א פערטל שעה פארן דאווענען צו קענען זאגן די ברכות השחר ווי עס דארף צו זיין, און ענטפערן אמן נאך זיי, וואס זאלן מיר זאגן?!

א גוט שבת

יעקב דוב מרמורשטיין

# די געשריי פונעם געפאנגענעם רב

די רירנדע ערציילונג טראגט אונז צוריק צו די ביטערע יארן וואס אריבער אויף דאס אידישע פאלק אין די יארן פון די ערשטע און צווייטע וועלט'ס-קריג.

אונזער ערציילונג רעדט זיך פון דעם באריטמן גאון רבי ישכר שלמה טייכטאל הי"ד, דער רב אין פישטיאן וואס איז אין סלאוואקיי, וועלכער איז, ווי אסאך פון זיינע ברידער, געצווינגען געווען אנטלויפן פון זיין געבורט'ס-שטאט צוזאמען מיט זיין משפחה, ווען אויפן גאנצן וועג האט ער נישט אויפגעהערט פון לערנען, און אויך פארגעזעצט צו שרייבן און ארויסגעבן זיינע חידושים אויף אלע אינזיכטן פון תורה.

אינמיטן זיין וואנדערן האט ער זיך אויפגעהאלטן א געוויסע תקופה אין די הויפט-שטאט בודאפעסט. דאס האט פאסירט שבת קודש פרשת משפטים ר"ח אדר א' תש"ג, א שטיק צייט נאכן אנקומען קיין אונגארן, ווען הרב טייכטאל איז נאך געווען אונטער די שלייער פון א פרעמדן אידענטיטעט, ◦אס ער איז געצ◦אונגען געווען צו טראגן אין יענע יארן, איז ער פארבעטן גע◦ארן צו האלטן א דרשה פארן אידישן עולם אין בודאפעסט. ב◦ם אנהויב פון ז◦ן דרשה האט הרב טייכטאל דערציילט די דאזיגע געשיכטע, וואס איז פארגעקומען מיט צענדליגער יארן פריער, אבער עס איז געווען זייער פאסיג צו יענע צייט:

"דאס איז פארגעקומען אינמיטן די ערשטע וועלט'ס קריג. שבת קודש פארטאג'ס איז דער גאון רבי אברהם יוסף גרינוואלד, דער חוסטער רב און



די געשטאלט פון הגה"ק רבי ישכר שלמה טייכטאל הי"ד

זון פון מיין רבי דער 'ערוגת הבושם,' ארויס פון זיין הויז אויפן וועג צו די מקוה, און פאר זיינע אויגן האט זיך אנטפלעקט א אומגעוועדליכע ערשיינונג אין יענע צייטן - א גרופע רוסישע ארעסטאנטן מיט א פארשעמטן אויסזען האבן געריניגט די גאסן.

די אלע נידריגע און פארשעמטע ארעסטאנטן האבן געהאט א גוי'שן אויסזען, אבער דער רב האט באמערקט אז איינער פון זיי טיילט אים צו א באזונדערע כבוד און מאכט אים פריי די וועג. צוריקקומענדיג פון מקוה האט זיך איבערגעשפילט די בילד, און דער חוסטער רב האט זיך נישט געקענט פארהוילן פון אים. ער האט זיך אפגעשטעלט און געגעבן א שטארקן קוק אויף יענעם ארעסטאנט און האט געזען אז זיין געשטאלט איז איידל.

דער רב האט זיך באדאנקט פאר יענעם ווען ער באנוצט זיך מיט די גוי'ש שפראך, אבער צו זיין גרויסע איבערראשונג האט יענער צוריק געענטפערט אויף די אידישע שפראך זאגנדיג: 'רבי', עס קומט מיר נישט קיין דאנק אויף דעם. דאס איז דאך דער פליכט פון יעדער איד מכבד זיין דעם 'מרא דאתרא' אין זיין שטאט...'.

הערנדיג די ווערטער איז דער רב שטיל געבליבן, אבער די גרויסע איבערראשונג איז ערשט יעצט געווען, ווען דער ארעסטאנט האט זיך אנגערופן מיט אראפגעלאזטן קאפ: 'ווי אזוי זאל איך נישט אזוי טון, איך בין דאך אויך א 'מרא דאתרא' אין מיין שטאט...'.

דערנאך וואס דער רב האט זיך אביסל בארואיגט און האט פארשטאנען די שווערע פאסירונג וואס איז אים דא אונטערגעקומען, האט ער זיך באלד ערוועקט צו טון, און מיט סייעתא דשמיא האט ער מצליח געווען אין א קורצע צייט באפרייען דעם פארטריבענעם רב פון זיין פארשעמטע ארבעט.

ווי עס פאסט זיך האט דער רב איינגעלאדנט דעם ארעסטאנט צו זיין הויז, און אין די קורצע שמועס וואס זיי האבן געפירט אויפן וועג האט דער רב זיך שוין איבערגעצייגט אז עס רעדט דא פון א ערליכער איד און א גרויסער תלמיד חכם, א בחי' פון 'ספר תורה שרוי בצער'.

נאכן דאווענען שחרית האט דער רב געבעטן פונעם ראש הקהל ער זאל מעלדן פאר די מתפללים, אז נאכמיטאג ווען אויפטרערטן אין שול א גרויסער און חשובער רב וואס איז אנגעקומען אין זייער שטאט דערנאך וואס ער איז געווען אין געפענגע'יש און פארטריבן געווארן פון זיין שטאט.

די שמועה איבער דעם געפאנגענעם רב האט זיך שנעל צושפרייט צווישן די חוסט'ער אידן, און אין די באשטימטע צייט האט די שול גע'טומל'ט פון אסאך הונדערטער אידן וואס האבן געוואלט זען דעם רב און הערן זיין דרשה.

אויפן וועג צו די דרשה האט דער חוסטער רב אריינגעזאגט אין אויער פארן געפאנגענער רב וואס איז נאך געווען אנגעטון מיט זיינע געפענגענישע קליידער, אפשר וואלט פאסיג געווען אז לכבוד די דרשה זאל ער אנטון מכובד'יגע קליידער אזוי ווי עס פאסט פאר א רב בישראל. אבער דער רב האט זיך אקעגן געשטעלט צו די פארשלאג און האט געזאגט מיט א ציטערדיגן שטימע אבער אנטשלאסן: 'ניין, מיט דער קלייד וועל איך דרש'ענען'.

אין די באשטימטע צייט איז דער רב ארויף דרש'ענען, און ווען זיין געזיכט איז נאך אויסגעדרייט צום ארון הקודש, האט ער פלוצלינג אנגעהויבן שרייען מיט א ביטערן שטימע ווען זיינע הענט כאפן אן זיינע אפגעריסענע און פארשעמטע קליידער:

'ריבונו של עולם, די תלמידי חכמים זענען דאך דיינע באליבטע קינדער, און זיי האסטו באפוילן זאלן גיין אנגעטון מיט א ספעציעלן און מכובד'יגן קלייד, אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (שבת קיד א) און אין רמב"ם (דעות ה ט), און יעצט, ריבונו של עולם, 'הכר נא, הכתונת בנך היא אם לא' (בראשית לז לב)? קוק ביטע, איז עס דען פאר דיין כבוד איך זאל גיין מיט אזא קלייד?' איך בעט, האב רחמנות אויף דיין פאלק וואס זענען נעבעך אין געפענגעניש און העלף זיי!'.

מער פון דעם איז דער געפאנגענער רב נישט מסוגל געווען צו רעדן, און דער ציבור האט נישט געדארפט הערן. אלע האבן זיך צוגעשטעלט צו די הארץ-געשריי פון רב און געיאמערט אין א געוויין אויף די אלע אידן וואס ליידן נעבעך אין געפענגעניש".

אויך הרב טייכטאל האט נישט געדארפט מער פון דעם כדי צו שילדערן פאר די צוהערהער אין אונגארן וואו דארט האט מען נאכנישט געפילט דעם שווערן מצב וואס די וועלט ארום פילט שוין. די ווערטער וואס זענען געזאגט געווארן אין יענע דרשה און זענע אויך אויפגעשריבן געווארן דורך אים אין זיין ספר 'משנה שכיר' על התורה וואס איז ארויסגעקומען אינמיטן די מלחמה יארן, האבן געמאכט א געוואלדיגן איינדרוק אויף די צוהערהער און זיי ערוועקט זיך צו מחזק זיין מיט תפילה און תשובה.

ארום א יאר נאך יענע דרשה זענען די דייטשן אריין אין בודאפעסט און הרב טייכטאל איז געצווינגען געווען אנטלויפן צום צווייטן מאל. אין לויף פון לאנגע חדשים האט ער מצליח געווען זיך באהאלטן פון די דייטשן אבער אין ענדע איז ער געכאפט געווארן און צוזאמען מיט זיין פאמיליע איז ער געפירט געווארן קיין אושוויץ. עטליכע טעג נאכדעם האבן די דייטשן געזען אז די רוסן גייען איינעמען דאס פלאץ, האבן זיי אנגעהויבן פארטרייבן די אידן פון אושוויץ טיף אין דייטשלאנד אריין, זיי זאלן חלילה נישט באפרייט ווערן דורך די רוסן...

א רירנדע שילדערונג אויף די לעצטע שעה'ן פון הרב טייכטאל איז דערציילט געווארן דורך א עד ראיה וואס האט זוכה געווען איבערלעבן יענע שווערע מינוטן:

דאס איז געווען י"ג בשבט תש"ה. אין די לאסט-וואגאן וואו דער רב איז געפירט געווארן זענען צוזאם געקוועטשט געווען ארום זעכציג אידן מיט נאך צוואנציג פארגרעבטע אוקריינישע ארעסטאנטן. איינער פון די גוים האט אוועק געכאפט פון א איד זיין ברויט און דער רב וואס האט נישט געקענט פארשוויגן די אומרעכטיקייט האט אויף דעם פראטעסטירט מיט א פעסטקייט. אלס רעאקציע אויף דעם איז דער רב געשלאגן געווארן מערדערליכע שלעק דורך דעם אוקריינער און זיינע פריינד.

זייענדיג צובאלט און צושלאגן, האט דער רב גערעדט מיט א געוואלדיגע התרגשות צו די אידן וואס האבן זיך צוזאם גערדוקט ארום אים, און דאס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער:

"טייערע אידן, אט שוין וועט מקוים ווערן כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ, און ענק וועלן זוכה זיין צו די גרויסע ישועה וואס וועט באלייכטן די גאנצע וועלט. באזונדער וועלן די ארץ ישראל'דיגע איינוואוינער צו דעם זוכה זיין. לאמיר אלע דאווענען אויף די פרידן פון אלע אונזערע ברודער וואו זיי געפונען זיך נאר. איך ווייס אז מיין צייט צו לעבן ענדיגט זיך, און איך זאג ענק צו אז איך וועל דאווענען פאר ענק, ענק זאלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה".

נאכן ענדיגן זיינע ווערטער האט ער אויסגעהויכט זיין נשמה ווען ז' איז ריין און לויטער.

'משנה שכיר' עה"ת מהד"ח פר' וישב, ובהקדמת

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה אהבה רבה

### די מקור פון די ברכה

די אמוראים (ברכות יא ב) קריגן זיך ארום צי מ'זאל אנהייבן די ברכה מיט די ווערטער 'אהבה רבה' אדער מיט 'אהבת עולם'. און אין די פוסקים איז דא א מחלוקת וויאזוי מ'זאל זיך פירן למעשה (זעה שו"ע או"ח סא א). עס זענען דא וואס זאגן מ'זאל מקיים זיין די צוויי שיטות, און צופריה זאל מען זאגן 'אהבה רבה' און ביי מעריב 'אהבת עולם' (תוספות שם ד"ה ורבנן).

די ברכה האבן די אנשי כנסת הגדולה מתקן געווען ('ראשית חכמה' שער האהבה פ"ז). עס זענען דא וואס שרייבן אז די בקשה אויף די גאולה וואס מ'זאגט אין די ענדע ברכה, האט מען צוגעלייגט נאכן חורבן (סדור הגאונים והמקובלים ב עמ' תמט, אין נאמען פון 'אבודרהם'. אבער מיר טרעפן עס נישט).

### די געבוי פון די ברכה

די ברכה 'אהבה רבה' הייבט אן און ענדיגט זיך מיט שילדערן די גרויסע ליבשאפט וואס השי"ת האט ליב די אידן, אזוי ווי עס שטייט (מלאכי א א): "אָהַבְתִּי אֶתְכֶם אָמַר ה'". אין די עצם ברכה בעטן מיר אז הקדוש ברוך הוא זאל עפענען אונזער הארץ אין די תורה, און אונז העלפן לערנען און אויסלערנען פאר אנדערע און דורך דעם מקיים זיין וואס די תורה האט אונז באפוילן אין די ערשטע פרשה פון קריאת שמע: "ודברת בם...ושננתם לבניך"('סידור חסידי אשכנז' עמ' פט).

צום סוף פון די ברכה בעטן מיר אז הקב"ה זאל אונז ארויסנעמען פון גלות "ויוליכנו קוממיות לארצנו". די בקשה איז א המשך אויף אונזער בקשה מיר זאלן זוכה זיין לערנען די תורה, ווייל חז"ל זאגן (חגיגה ה ב): "כיון שגלו ישראל ממקומן אין לך ביטול תורה גדול מזה" ('עלת תמיד' פי"ט).

אין סידור 'לב שמח' (דף פב ע"ב) ערקלערט ער, מיר ענדיגן די ברכה מיט א בקשה אויף די גאולה, ווייל עס איז נתגלה געווארן אין חלום פאר א צדיק אז די גאולה האלט זיך אפ ווייל ביים זאגן 'אהבה רבה' האט מען נישט אינזין ווי עס דארף צו זיין. דעריבער ביים ענדיגן זאגן די ברכה מיט כוונה, איז די פאסיגע צייט צו בעטן אויף די גאולה.

### די כוונה פון אמן

עס איז אמת אז הקב"ה האט אונז ליב, און הלוואי זאל ער אריינגעבן אין אונזערע הערצער מיר זאלן פארשטייין די תורה און אויך זאל ער אויסלייזן די אידן פון גלות.

### די באדייט פון די ברכה

די ברכה איז די צווייטע ברכה פון די סעריע ברכות פון קריאת שמע ביי שחרית, און עס הייבט זיך נישט אן מיט 'ברוך', ווייל עס נאנט צו די ברכה פון 'יוצר אור' (טור או"ח ס א).

די ראשונים קריגן זיך צי מ'דארף ענטפערן אמן נאך די ברכה אהבה רבה ווען דער שליח ציבור לאזט אויס. דער רמב"ם (ברכות א יז) האלט אז די ברכות קריאת שמע איז ווי א ברכת המצוות אויף די מצוה פון קריאת שמע, און אזוי ווי מ'טאר נישט מפסיק זיין צווישן א ברכה און די מצוה, אזוי טאר מען אויך נישט מפסיק זיין מיט ענטפערן אמן צווישן די ברכה און די מצוה פון קריאת שמע. אבער דער רמ"ה קריגט און האלט אז מ'מעג יא ענטפערן אמן ווען דער ש"ץ זאגט די ברכה, ווייל ברכות קריאת שמע איז נישט א ברכה אויף די מצוה פון קריאת שמע, נאר ברכות שבח, וואס די חכמים האבן זיי אויסגעשטעלט צו זאגן בעפאר קריאת שמע און נאכדעם, און וועגן דעם איז נישט קיין שאלה צי מ'מעג מפסיק זיין (טור או"ח סא).

כדי נישט אריינגיין אין א שאלה שרייבט דער 'משנה ברורה' (נט כה) אז לכתחילה זאל ער ענדיגן די ברכה צוזאמען מיטן ש"ץ, ווען דעמאלטס דארף ער נישט זיכער ענטפערן אמן נאך די ברכה פונעם ש"ץ, ווייל מ'מעג נישט ענטפערן אמן נאך די אייגענע ברכות.

### 'אהבת עולם' צווישן די אידן און הקב"ה

אין 'סידור חסידי אשכנז' (שם) שטייט אז די חכמים האבן אזוי אויסגעשטעלט זאגן די ברכה פאר קריאת שמע, ווי דארט שטייט די ציווי פון ליב האבן השי"ת, כדי מיר זאלן געדענקען אז אזוי ווי מיר האבן ליב השי"ת אזוי האט ער אונז אויך ליב.

רבי עקיבא אייגער לייגט צו אז די ליבשאפט פון השי"ת צו אונז איז דער פונדאמענט צו קענען מקיים זיין די ציווי ליב האבן ה' און וועגן דעם ענדיגט מען די ברכה - "הבוחר בעמו ישראל **באהבה**". שלמה המלך לערנט אונז אויס (משלי כז יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם". ד.מ. אזוי ווי וואסער שפיגלט איבער דעם וואס איז זיך מתבונן אין דעם, אזוי אויך די הערצער שפיגלען איינער צום צווייטן. דעריבער ווען מיר וועלן מקדים זיין פארן ליינען קריאת שמע די פאקט אז הקב"ה האט אונז ליב, וועט דורך דעם ערוועקט ווערן אין אונזערע הערצער די ליבשאפט צום באשעפער בשעת'ן ליינען קרי"ש" ('מלין חדתין' ואתחנן).

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

"**וְאָבִיו שָׁמַר אֶת הַדָּבָר**" (לז יא)

"היה ממתין ומצפה מתי יבא, וכן: 'שֹׁמֵר אֱמֻנִים'" (רש"י).

אין מסכת שבת (קיט ב) דרש'ענען די חכמים פון דער פסוק (ישעיה כו ב): "פִּתְחוּ שְׁעָרִים וְיָבֹא גוֹי צַדִּיק **שֹׁמֵר אֱמֻנִים**", אז די טויערן פון גן עדן עפענען זיך פאר די וואס ענטפערן אמן. לויט רש"י ביי אונז אין פרשה קען מען פרעגן, פארוואס פון צווישן די אלע דברים שבקדושה - דווקא אויף ענטפערן אמן דארף מען ווארטן און האפן?

**רבי משה זכות** דער רב פון מאנטאבא און פון די גדולי המקובלים אין איטאליע ערקלערט:

די קדמונים האבן באשטימט א טעגליכן ציפער אויף זאגן דברים שבקדושה: 'צדי"ק' - צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים און ק' ברכות. כדי צו דערגרייכן די ציפער פון קדושות, קדישים און ברכות דארף מען זיך נישט באזונדער אנשטרענגען, און יעדער וואס דאווענט יעדן טאג דריי תפילות מיט מנין, געווענליך קומט אן צו די ציפער וואס פעלט זיך אויס. אבער כדי צו זאמלען ניינציג אמנים **אויף ברכות** (ראה שו"ת רמ"ע מפאנו סי' קט) דארף דער מענטש ווארטן און האפן אויף יעדע ברכה, און אויך הערן ברכות השחר פון עטליכע מענטשן (כמובא בשו"ע או"ח ו ב), דעריבער דער לשון פון ווארטן און האפן זענען זייער פאסיג אויף ענטפערן אמן.

## ווארטן און האפן אויף אמן

פירוש הרמ"ז על הזוהר וילך רפה א

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# שחר אבקשך

פערל ווערטער
אויף די גרויסע מעלה פון השכמת הבוקר

## ׳אין כאלקינו׳ האט מען מתקן געווען אנשטאט ענטפערן אמן

ווי באקאנט די תפילה ׳אין כאלוקינו׳ איז אויסגעשטעלט לויט די סדר פון די אותיות ׳אמן׳: ״אין כאלוקינו... מי כאלוקינו... נודה לאלוקינו...״ (זעה אין ׳פירוש התפילות והברכות׳ [פון ר״י בן יקר] ח״א עמ׳ קכה). דער מהר״י צאלח פון די גדולי חכמי תימן ברענגט אין זיין פירוש ׳עץ חיים׳ אויפן סידור, אז צווישן די חכמי תימן איז מקובל פון יארן, אז וועגן דעם האט מען מתקן געווען די תפילה לויט די סדר פון די אותיות ׳אמן׳: ״ווייל איינמאל האט די מלכות הרשעה גוזר געווען אויף די אידן נישט ענטפערן אמן. וואס האבן זיי געטון? האבן זיי מתקן געווען מ׳זאל עס זאגן ברמז, אין די ראשי תיבות: ׳אין... מי... נודה׳, כדי זיי זאלן נישט פארשטיין. און טראץ די גזירה איז בטל געווארן, איז געבליבן די תקנה״ (׳עץ חיים׳ תפילת ׳אין כאלוקינו׳).

## די ערשטע שטערונג פון די יוונים

דער צאנזער רבי בעל ׳שפע חיים׳ האט געזאגט: די ערשטע זאך וואס די יוונים האבן געטון כדי ׳להשכיחם תורתך׳, איז געווען צו פארמיידן כלל ישראל פון דאווענען ווי עס דארף צו זיין. ווייל אויב די דאווענען איז נישט ווי עס דארף צו זיין איז נישט מעגליך צו לערנען תורה, ווייל נאר דורך דאווענען געהעריג קען מען ווערן א בן תורה, ״אבער אויב די דאווענען איז נישט ווי עס דארף צו זיין, **און אפילו אויב מען פארפעלט צו ענטפערן נאר איין אמן**, איז שוין דא א אפהאלט פון צו זוכה זיין צו תורה״. דעריבער ווען די חשמונאים האבן מנצח געווען די יוונים האבן זיי קובע געווען ״שמונת ימי חנוכה אלו להודות ולהלל לשמך הגדול״, ווייל די ערשטע שטערונג פון די יוונים איז געווען דאס דאווענען, דערפאר ווען זיי האבן געהאט דעם נצחון האבן זיי קובע געווען זיך מחזק זיין אין תפילה און הודאה (׳שפע חיים׳ רעוא דרעוין ח״א פר׳ תולדות מאמר ב אות ה).

## ׳ושם תודה נזבח׳ – אלס שכר פון ענטפערן אמן

די חכמים זאגן (תנחומא צו ז): ״כל מי שהוא עונה אמן בעולם הזה זוכה לענות אמן לעולם הבא״. דער משגיח רבי מתתיהו סאלאמאן האט ערקלערט אז דער אנהויב פון דער פיוט ׳מעוז צור׳ איז באזירט אויף דער מאמר; ״מעוז צור ישועתי לך נאה לשבח״ - יעדער וואס לויבט און דאנקט אויף דער וועלט דעם באשעפער מיט די ריכטיגע שלימות און אמונה אויף יעדע טובה וואס ער באקומט, אויך לעתיד לבוא, ווען ״תכון בית תפילתי״ - מיטן בויען די בית המקדש, דעמאלטס ״ושם תודה נזבח״ - וועט ער זוכה זיין פארזעצן דינען דעם באשעפער און אים דאנקען בשלימות דורך ענטפערן אמן (קובץ ׳נהוראי׳ תשס״ח עמ׳ סט).

# אגרות אמונים

א בריוו פון א געטרייער לייענער

**לכבוד הרב ר׳ יעקב דוב מארמארשטיין שליט״א**

**דער מנהל פונעם גרויסן ארגאניזאציע ׳בני אמונים׳**

איך וויל דא ארויסגעבן אביסל פון מיינע געפילן אויף דעם הייליגן ארגאניזאציע וואס זיין נאמען איז פאסיג אויף דעם - ׳בני אמונים׳ - ווייל דורך זיך אסאך באשעפטיגן מיט ענטפערן אמן ווערט מען פארבינדן מיט אמן אזוי ווי א זון וואס איז פארבינדן צו זיין פאטער.

מיטן אויבערשטנ׳ס הילף בין איך זוכה און איך בין מקפיד יעדן טאג צו זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא, און אזוי אויך פירן זיך נאך אסאך וואס דאווענען אין אונזער בית המדרש. אויסער די מעלה פון ענטפערן אמן האט דער מנהג נאך א באזונדערע מעלה אז צוליב דעם דארפן מיר קומען פארן דאווענען **כדי** צו קענען אניאגן זאגן די ברכות השחר און אויך הערן פון אנדערע די ברכות השחר, וואויל איז פאר ענק!!

**אמת מה נהדר** וויאזוי עס קוקט אויס אונזער בית מדרש יעדן אינדערפריה ווען פארן דאווענען שחרית שטעלן זיך די מתפללים אוועק איינער אקעגן דעם צווייטן און זאגן ברכות השחר הויעך אויפן קול און דאס ענטפערן הילכט אפ הויעך. מהם יראו וכן יעשו.

אשריכם, אשריכם אשריכם!!!

פון דער וואס שעצט ענקערע אקטיוויטעטן

**א.מ ירושלים**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



## בעל ׳אילת השחר׳

## כ״ד כסלו תשע״ח

דער גאון רבי אהרן יהודה לייב שטיינמאן איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי נח צבי פון די בריסקער איינוואוינער אין יאר תרע״ה. צוליב וואס ער האט געדארפט איינרוקן אין מיליטער איז ער אנטלאפן קיין שווייץ, און פון דארט איז ער ארויף קיין ארץ ישראל אין יאר תש״ה. פון זיינע יונגע יארן האט ער שוין פארגעלערנט און געדינט אלס ר״מ אין פארשידענע ישיבות. אין יאר תשט״ו איז ער אויפגענומען געווארן אויף ראש ישיבת ״פונוביז׳ לצעירים״ און אין יאר תשנ״ח האט ער געגרינדעט די ישיבה ״ארחות תורה״. ער האט געשטיצט און מחזק געווען די אקטיוויטעטן פון בני אמונים און האט אויך א טייל גענומען עטליכע מאל אין די צוזאמקומען וואס זענען ארגאניזירט געווארן צו מחזק זיין אונזערע אקטיוויטעטן איבער ענטפערן אמן.

ער איז נפטר געווארן כ״ד כסלו תשע״ח, הונדערטער טויזנטער מענטשן האבן באגלייט זיין מטה אויפן וועג צום בית החיים פון ישיבת פונוביז׳ אין בני ברק. זיינע חידושים האט ער ארויסגעגעבן אין די סעריע ספרים ׳אילת השחר׳.

## אמן און א צאל

איינמאל נאך א שיעור וואס איז פארגעקומען ביי אים אין הויז אין די פארטאג׳ס שעה׳ן, פארן דאווענען ותיקין ביי אים אין הויז אזוי ווי עס איז געווען איינגעפירט אין זיינע עלטערע יארן, האט ער זיך פלוצלינג אנגערופן: לאמיר זיך מקבל זיין אז פון היינט און ווייטער ארום א פערטל שעה פארן דאווענען, זאל יעדער איינער זיך אוועק שטעלן זאגן די ברכות השחר און מיר אלע וועלן ענטפערן אמן. אזוי ווי א סוחר באגענוגט זיך נישט מיט ווייניג געלט נאר ער זוכט וויאזוי צו פארמערן זיין פארמעגן, אויך מיר וואס אונזער געשעפט איז ׳מלאכת שמים׳, לאמיר זיך נישט באגענוגן מיט ווייניג אמן׳ס, נאר מיר זאלן וועלן פארמערן נאך און נאך אמן׳ס.

און האט צוגעלייגט: ווען מ׳געפונט זיך אויף דער וועלט פארשטייט מען נישט די חשיבות פון ענטפערן אמן. אבער אין עולם הבא וועט דער מענטש זיך איבערצייגן אז יעדע אמן העלפט אים, און דעמאלטס פילט ער יא די מאנגל פון יעדע אמן וואס ער האט פארפעלט. דער מענטש דאף וויסן אז אפילו איין אמן קען אים ראטעווען (׳נוטרי אמן׳ בשער אות ה).

## די גרעסטע מעלה פון אלעס

אין א צוזאמקום פון ׳בני אמונים׳ וואס ער האט באשיינט מיט זיין באטייליגונג, האט ער געזאגט: ״די מצוה פון ענטפערן אמן האט א גרויסע און געוואלדיגע מעלה; עס איז אזוי פשוט און גרינג אז מ׳קען זיך נישט גרויס האלטן מיט דעם! מיר האבן דא נאך א מעלה ביים ענטפערן אמן, אזא דערהויבענע מצוה וואס דער מענטש קען באקומען דורך דעם די אלע מעלות און ברכות - און פון דעסוועגן, דאס מקיים זיין איז נישט פארבינדן מיט א ברעקל גאוה. און האט צוגעלייגט: עס זעט אויס דאס איז די גרעסטע מעלה מער פון אלעס - טון א גוטע זאך וואס אין דעם איז נישט אויסגעמישט א פינטל גאוה! (ספר ׳בני אמונים׳ עמ׳ 229).